בס"ד

# תורת אביגדור

משיעורי הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל



פרשת ראה

## די ציהל פון עסן

### עס און זיי פריילך!

**אין** פרשת ראה טוט דער אויבערשטער באפעלן פאר די אידישע קינדער, צו ברענגען קרבנות צום בית המקדש, "ואכלתם שם לפני ה' אלקיכם ושמחתם בכל משלח ידכם", איר זאלט עסן דארט פארן אויבערשטן דיין ג-ט, און איר זאלט זיך פרייען. עס איז א מצוה צו עסן און זיך צו פרייען! כאטש וואס דאס קען מיינען, צו זינגען און טאנצן, אבער אין די תורה ווערט דאס נישט ספעציעל דערמאנט, און דערפאר קענען מיר פארשטיין, אז 'עסן קרבנות אליינס, דאס איז די פריילכקייט' וואס דער אויבערשטער רעדט דערפון דא. און דער אויבערשטער וויל אז מיר זאלן זיך פרייען, נישט בלויז מיט דעם וואס מיר עסן פלייש, נאר אויך מיט דעם וואס מיר עסן די פלייש 'לפני ה' אלקיך', מיט די אנוועזנהייט פונעם אויבערשטן.

מיר האבן שוין טאקע געלערנט די ווערטער אסאך מאל, אבער מיר דארפן זיך אפשטעלן פאר א קורצע מאמענט און אריינטראכטן אין די טיפע דערהערע וואס ליגט אינטער די ווערטער.

עס איז וויכטיג צו באמערקן פון די ווערטער, אז דער אויבערשטער טוט רעכענען דאס 'עסן', אלס א וועג וויאזוי א מענטש זאל קענען אויספירן זיין שטארקע ווילן, זיך צו פרייען פארן אויבערשטן. און אויב די תורה לאזט אונז וויסן, אז אונזער פרייד 'פארן אויבערשטן' זאל זיין דורך די פשוט'ע הנאה פון עסן, דאן איז בלויז ריכטיג אז מיר זאלן ריכטיג אדורך טון די סוגיא, דאס ענין פון 'עסן פארן אויבערשטן', וויבאלד מיר טוען דאס זייער אפט, און דאס איז מעגליך וויכטיגער אויף צו דינען דעם אויבערשטן, מער ווי אסאך אנדערע סוגיות און מדריגות וואס מען לערנט אדורך, און ווי מיר וועלן עקלערן.

### עסן ברענגט פריילכקייט... און שלימות

**די** פאלק פונעם אויבערשטן קען צוקומען צו פריילכקייט און צו א שלימות דורכן עסן אויף די ריכטיגע וועג. מיר ווייסן אז די אלע פעלקער פון די וועלט פלעגן אויך וועלן ברענגען קרבנות פארן אויבערשטן, און זיי מעגן, מיר נעמען אן זייערע קרבנות. אבער

זיי קענען נאר ברענגען קרבנות וואס זענען אן 'עולה', קרבנות וואס מען פארברענט אינגאנצן, און מען עסט גארנישט דערפון. אנדערש ווי די אידישע קינדער, טארן די גוים נישט עסן פון קיין קרבנות. ווייל ווען א גוי עסט, טוט דאס אויפוועקן אין אים אלע זיינע נידריגע און בהמה'ישע אינסטינקטן, און זיי קענען זיך נישט פרייען פארן אויבערשטן ווען זיי עסן. ווען א גוי עסט און טרינקט, ברענגט דאס אסאך פראבלעמען און צרות.

איך זאג אסאך מאל די ווערטל: וואס מיינט דאס, ווען מען זעהט דריי אומבאלאנסן איינער נאכן צווייטן, שניידן אדורך די גאס מיט א שנעלקייט, מיט זייערע סירענעס אנגעצינדן? דאס מיינט, אז א גוי'אישע חתונה האט זיך יעצט געענדיגט! ווען גוים קומען זיך צוזאם צו עסן, איז דאס נישט קיין עסן פאר אויבערשטן, און דערפאר ברענגט דאס אפט צו גרויסע פראבלעמען, און דערפאר קענען זיי נישט דינען דעם אויבערשטן ביים טיש וואו זיי עסן. אבער אונז, די הייליגע פאלק, קען זיך אויסלערנען וויאזוי צו עסן מיט א הייליגקייט, און ווערן בעסער און העכער, דורכ'ן עסן.

## פארוואס איז די וועלט באשאפן געווארן?

**אין** ספר אמונות ודעות, זאגט אונז רבינו סעדיה גאון א וויכטיגע באמערקונג, וואס קלערט אונז אויף איבער די נאטור פון די עולם הזה, ער זאגט אז די וועלט איז געמאכט געווארן פאר עסן! ער זאגט נישט אז דאס איז א וועלט צו צוקומען צו עולם הבא, און אויך נישט א וועלט ספעציעל פארן עם ישראל, דאס איז א וועלט וואס איז באשאפן געווארן 'אינגאנצן' נאר פארן ציהל צו געבן עסן פאר די באשעפענישן. דאס איז זייער א וויכטיגע בליק וואס קיינער באטראכט נישט, אבער רב סעדיה גאון באמערקט יא דעם געדאנק, די גאנצע עולם הזה איז געציהלט בלויז צו קענען אויספירן די ווערטער פון 'מכלכל חיים בחסד', צו געבן עסן פאר די לעבעדיגע באשעפענישן.

ערשטנס, זעהן מיר אז די גאנצע וועלט, מיט אלעס וואס איז אין איר, איז ספעציעל באשטימט צו היטן אויף די לעבנס פון די באשעפענישן, דורך די וואונדערליכע סיסטעם וואס דער אויבערשטער האט אויסגעשטעלט, וואס דורך דעם קומט אן די עסן צו א יעדע באשעפעניש אויף די גאנצע באדן וואס דעקט איבער די ערד.

אלעס וואס מיר זעהן איז באשאפן צו צושטעלן עסן: די ווינטן, די זון, די רעגן, די אטמאספערע, זייער אסאך זאכן האבן בלויז די איינע ציהל צו צושטעלן עסן פאר די לעבעדיגע. די פונקציעס פון די ריזיגע זון, די שטארקע כח פון גרעוויטי, די שניי, און די פארשידענע גאזן וואס געפינען זיך אין די ווייטע אטמאספערע, די אלע ארבעטן צוזאמען אויסצופירן די מעכטיגע אינטערנעמונג, צו צושטעלן דיין פרישטאג, לאנטש, און נאכטמאל, און אויך די נאשערייען אינצווישן. און אויב מען עפנט די אויגן, אויב מען עפנט די מחשבות, זעהט מען דאס און מען טראכט דערפון א גאנצן טאג.

## די מענטש וואס האט נאך קיינמאל נישט געזעהן א קוה

**אפילו** אויב דו ביסט א שטאט געבוירענער, און דו האסט נאך קיינמאל נישט געוואוינט אינדרויסן אויף די אפגעזונדערטע געסעלעך, וואו מען קען זעהן די קארן פעלדער און די קוען. האלט דיינע אויגן אפן כאטש אביסל, אגאנצן טאג וועסטו זעהן די גרויסע טראקס פארן און קומען אהין און צוריק, געוויסע פון די טראקס זענען אנגעלאדנט מיט פרוכט און גרינצייג, אנדערע מיט מילכיגס, אלע סארטן פליישן, ברויטן און געבעקסן. גאר פרי פארטאגס, ווען די מענטשן טראכטן נאכנישט פון אויפשטיין, זענען שוין די טראקס אויף די וועגן, און זיי לאדענען אפ די קעסטלעך פון עסן.

אפילו א מענטש פון די שטאט, וואס האט נאך אין זיין לעבן נישט געזעהן א קוה, אדער א ווייץ פעלד, ער קען אויך זעהן - איבעראל ארום זיך - וואס רב סעדי' גאון האט געזאגט. די גאנצע בריאה, די באשאפונג פון די גאנצע וועלט, די גאנצע מעשה בראשית, פארוואס איז דאס? פאר עסן!

## פארוואס זאגן מיר אשרי?

**מיט** דעם פארשטייען מיר וואס די גמרא זאגט אין מסכת ברכות. די גמרא זאגט, אז ווער עס זאגט יעדן טאג תהלה לדוד - וואס דאס איז די קאפיטל פון אשרי - דאן איז מען א 'בן עולם הבא', פרעגט די גמרא, פארוואס? פארוואס איז דאס אזוי וויכטיג? פארשטייט זיך אז דאס איז א וואונדערליכע געזאנג, געשריבן מיט רוח הקודש און גאר טיפע קלוגשאפט, אבער וואס מאכט אז דאס זאל זיין אזוי אייגענארטיג, מער פון אנדערע קאפיטלעך פון תהלים? דוד המלך האט דאך געזאגט אסאך גאר הערליכע זאכן?

די גמרא ענטפערט אז דאס איז צוליב די פסוק 'פותח את ידך', דו עפנסט דיין האנט, 'ומשביע לכל חי רצון', און דו טוסט זעטיגן אלע לעבעדיגע מיט זייערע באדערפענישן. דאס איז וואס מאכט אזוי וויכטיג די קאפיטל פון אשרי, און נישט בלויז וויכטיג, נאר אזוי וויכטיג, אז ווען מען זאגט דאס יעדן טאג ווערט מען א בן עולם הבא, ווייל מען נעמט אריין אין די נשמה אז דער אויבערשטער טוט שפייזן די גאנצע וועלט.

מיר דארפן אבער פארשטיין, פארוואס דערמאנט די גמרא דוקא די פסוק פון 'פותח את ידך'? עס איז דאך דא א פסוק פארדעם וואס זאגט די זעלבע זאך, 'עיני כל אליך ישברו' די אויגן פון אלע באשעפענישן האפן צו דיר, 'ואתה נותן להם את אכלם בעתו' און דו געבסט פאר זיי זייער עסן אין די ריכטיגע צייט. וואס איז שלעכט מיט דעם פסוק?

די תירוץ איז, ווייל די ערשטע פסוק דערמאנט בלויז אז דער אויבערשטער געבט עסן פאר די באשעפענישן, ער שטעלט צו אלע באדערפענישן פאר די לעבעדיגע. אבער די צווייטע פסוק זאגט עפעס מער פון דעם, 'פותח את ידך', דער אויבערשטער עפנט זיינע הענט, דער אויבערשטער האט דאך נישט קיין האנט, 'דיין האנט' מיינט, די גאנצע כח, דער אויבערשטער נוצט די גאנצע כח כביכול צו געבן פאר די באשעפענישן אלע זייערע געברויכן, דער אויבערשטער האט נישט קיין אינטערעסע אין קיין שום

זאך, בלויז 'כי חפץ חסד הוא', 'די גאנצע קראפט' נוצט דער אויבערשטער צו טוהן חסד מיט זיינע באשעפענישן. און דאס וויל דער אויבערשטער אונז ווייזן מיט זיין גאנצע וועלט, זיין גוטסקייט, דער אויבערשטער איז 'יושב וזן מביצי כינים ועד קרני ראמים', דער אויבערשטער זיצט אין הימל און שפייזט יעדן און אלעס! דאס איז כביכול דעם אויבערשטנס גאנצע אינטערעסע אין די וועלט, צו שפייזן זיין בריאה.

און עס איז זייער וויכטיג צו ארייננעמען אין געדאנק, די וויכטיגע פארשטאנד אז די גאנצע בריאה איז ספעציעל באשאפן געווארן צו צושטעלן די געברויכן פון די לעבעדיגע. דאס איז אזוי וויכטיג, אז אויב מען ווייסט דאס, און מען ווייסט דאס מיט אן אמת, דאן איז מען א בן עולם הבא.

## די צדקה ספעציעליסט

**איך** וועל געבן א משל, עס איז דא א רייכע מענטש, ער האט א גרויסע ביזנעס,און ער האט א ספעציעלע אפיס וואו ער נעמט אויף רבנים און ראשי ישיבות, וואס קומען און שטעלן צוזאמען געלט פאר זייערע מוסדות, ער נעמט זיי אריין אין דעם צימער, ער זעצט זיך אראפ מיט זיי און ער רעדט צו זיי. און דאן עפנט ער זיין לעדל און נעמט ארויס פון דארט זיין טשעק ביכל, און ער געבט א ערליכע סומע געלט. ער איז פארנומען א גאנצן טאג צו לויפן צו זיין צדקה אפיס אויפצונעמען נאך מענטשן און געבן צדקה. אבער דאס איז נישט זיין עיקר ביזנעס, ער האט א ריזיגע פאבריק וואו ער פארברענגט זיין טאג, דארט זענען זיינע געדאנקען, די צדקה אפיס איז בלויז א קליינע צווייגל פון זיינע אקטיוויטעטן.

אבער לאמיר זיך פארשטעלן אז עס איז דא א רייכע מענטש, וואס עפנט אויף אין מאנהעטן א אפיס, 'בלויז' צו געבן צדקה, א גרויסע געביידע מיט אסאך שטאקן, און די גאנצע געביידע איז בלויז געבויעט בלויז צו געבן צדקה, וואו עס איז דא ספעציעלע שטיבער און אפיסעס פאר יעדע סארט צדקה פראגראם. דער מענטש איז א ספעציעליסט אין צדקה וחסד, דארט פארברענגט ער זיינע טעג, ער לויפט פון איין שטוב צום צווייטן, געבנדיג צדקה און שטיצענדיג אלע תורה מוסדות, און ארויסהעלפנדיג אלע נצרכים, די **נויטבאדערפענדע.**

אט דאס איז דער אויבערשטער! דאס איז וואס רב סעדיה גאון זאגט, און דאס מיינט 'פותח את ידך ומשביע לכל חי רצון'. דער אויבערשטער האט באשאפן די וועלט בלויז כדי צו שפייזן, אלע זיינע כוחות כביכול זענען קאנצעטרירט אין גוטהארציקייט, די גאנצע וועלט איז איין גרויסע צדקה אפיס, וואס שטעלט צו עסן פאר אלע באשעפענישן**.**

## ווערים, פלייש און גראז

**דער** אויבערשטער געבט ווערים פאר די פיש צו עסן, אבער מענטשן האבן דאך נישט ליב קיין ווערים! דערפאר געבט דער אויבערשטער ברויט פאר די מענטשן, יעדער באקומט דאס וואס ער האט ליב, 'ומשביע לכל חי רצון', ער שטעלט צו פאר יעדע באשעפעניש לויט זיין ווילן. קוהען האבן נישט ליב קיין פלייש, באקומען זיי גראז וואס זיי האבן יא ליב. לייבן האבן נישט ליב קיין גראז, דערפאר געבט זיי דער אויבערשטער פלייש. מיר דארפן

וויסן אז די וועלט איז זייער א ספעציעלע רעסטוראנט, עס איז געמאכט ספעציעל פאר יעדן עקסטער לויט זיין סעפעציפישער געברויך, יעדע באשעפעניש האט זיך זיין אייגענע איסוואל פון עסן וואס ער באקומט, און אין אט די רעסטוראנט געפונען זיך הונדערטער טויזענטער פארשידענארטיגע קאסטומערס, מיט הונדערטער טויזענטער פארשידנארטיגע איסוואלן פון עסן, און דער אויבערשטער געבט פאר יעדן איינציגן קאסטומער פונקטליך דאס וואס ער קלויבט זיך אויס, און וואס ער האט ליב.

אין די ערשטע ברכה פון ברכת המזון זאגן מיר 'ברוך אתה ה' הזן את היהודים', ריכטיג? ניין! מיר זאגן נישט אזוי, מיר זאגן נישט א דאנק פארן אויבערשטן וואס האט 'מיר' געשפייזט, פארן געבן פאר 'אונז' די עסן. מיר לויבן דעם אויבערשטן מיטן זאגן 'הזן את הכל', דו שפייזט 'יעדעם, אלעס!', די פייגל אין זייערע נעסטן, די ווערים אין זייערע אונטערערדישע היילן, די קעץ אין זייערע באהעלטענישן, זיי אלע עסן נישט בלויז איינמאל א יאר, זיי עסן יעדן טאג. ווען דו גייסט אדורך א בעקעריי און דו זעסט דורכן פענסטער אלע סארטן ברויטן און געבעקסן, דאס איז נישט די זעלבע וואס דו האסט געזעהן נעכטן, דאס איז פרישע. ווען דו גייסט אדורך א פרוכט געשעפט, די עפלער זעהן אויס די זעלבע פון פאריגע וואך, אבער ניין, יענע זענען שוין אויפגעגעסן, יעדן טאג קומט אן א פרישע הויפן פון עפל, מאראנצן און אלע אנדערע סארט פרוכטן. יעדן איינציגן טאג שטעלט דער אויבערשטער צו אלע געברויכן פאר יעדן איינעם.

## הייב אן צו הנאה האבן פונעם לעבן!

**ווען** דו גרייטסט אן דיין עסן, אדער ווען דו עסט דאס, זאלסטו טראכטן פון די גוטסקייט פונעם אויבערשטן, נעם די אלע געדאנקען, און טראכט טיף אריין דערין. אויב דו וועסט אזוי טוהן וועסטו ווערן א 'נחל נובע', א קוואל וואס קוועלט מיט פרישע געדאנקען און חידושים איבער די חסד השם. ווען דו טרינקסט א גלעזל וואסער, זאלסטו זיך פארשטעלן וואו דער אויבערשטער גיסט אראפ דעם לעבנסוויכטיגן געברויך, אריין אין דיין האלז אריין. נאך א קורצע צייט וואס מען געוואוינט זיך צו דערצו, הייבט מען אן צו שפירן א געוואלדיגע דאנקבארקייט צום אויבערשטן פאר די אלע עסן וואס ער באשאפט פארן מענטש טאג טעגליך. און דאן איז מען אויפן וועג צו אויספירן די וויכטיגע מצוה פון 'ואכלתם שם לפני ה' אלקיכם ושמחתם', זיין פרייליך און צופרידן דורך די מתנה פון עסן, און ווען מען עסט 'פארן אויבערשטן', דאן וואקסט די פארשטאנד אינעם אויבערשטן, און מען ווערט אנגעפילט מיט דאנקבארקייט צו אים, און מען ווערט נענטער צו אים.

די אלע וואס בויען אויף אין זיך די געדאנק פון זיין דאנקבאר פארן אויבערשטן אויף די אלע גוטסקייט וואס געפינט זיך אינעם עסן, הייבן אן הנאה צו האבן און טרעפן א אמת'דיגע לוסטיגקייט אין זייער טאג טעגליכע לעבן. און אזוי ווערן זיי בעסער און בעסער אין די אויגן פונעם אויבערשטן, בשעתן עסן זייערע מאלצייטן ביי זיך אויפן טיש.

# הדפסה והפצה

**פאר בלויז $100 קענען מיר דרוקען און מפיץ זיין 1,000 גליונות!**

פארבינדט אייך: 347.755.8860

info@torasavigdor.org

## מפרסמין עושי מצוה

התודה והברכה

להנדיב הנכבד

**הרוצה בעילום שמו**

על שנדב מהדורת

# אחת שאלתי

אשר בזכותו זכינו לתרגם

## תורת אביגדור

באידיש

ישלם ה' פעלו ויהי משכורתו מן השמים

להשפיע עליו ועל ביתו מכל טוב וטוב מרוב

נחת דקדושה עד בלי די

# וויאזוי מען קען צוקומען צו אמונה חושית

## שאלה:

**וויאזוי קען א מענטש אנקומען צו א 'אמונה חושית', צו דער ריכטיגער געפיל אמת'דיג צו שפירן די עקזיסטענץ פונעם אויבערשטן?**

## תשובה:

**מיר** האבן שוין אסאך גערעדט דערפון, און מיר וועלן איבער'חזר'ן איינס פון די שטערקסטע וועגן, הער וואס מיר זאגן, און טראכט דאס איבער.

**איינס** פון די וועגן וואס מיר דערמאנען אסאך, איז די ענין פון 'תפילה', דאווענען און רעדן צום אויבערשטן.

וואס מער מען רעדט צום אויבערשטן מיטן גאנצן הארץ, אלץ מער לאזט דיר דער אויבערשטער שפירן אז דו רעדסט צו אים.

דאס איז זייער וויכטיג, זאג, "אתה שומע" דו - דער אויבערשטער - הערסט צו צו מיר, 'באשעפער! דו הערסט צו וואס איך זאג! אתה! דו! איך רעדט צו 'דיר'!', דאן זאגט דער אויבערשטער, אויב דו זאגסט אזוי, דאן וועל איך דיר העלפן צו שפירן אז איך הער דיר אויס. זאגן די ווארט "אתה" איז גאר א וואונדערליכע וועג צוצוקומען צו 'אמונה חושית', צו שפירן דעם אויבערשטן, און אזויפיל מענטשן נוצן ליידער נישט אויס אט די מעגליכקייט.

**מען** דארף זיך איינגעוואוינען דערצו, ווען דו רעדסט צום אויבערשטן, זאג "ברוך אתה ה'", 'איך קני און איך בוק זיך פאר דיר', איך רעדט צו דיר! די ווארט 'דו' איז א שרעקליכע ווארט, פון וואו נעמען מיר די דרייסטקייט צו זאגן 'דו' פארן אויבערשטן?! עס איז טאקע א דרייסטקייט, אבער דער אויבערשטער געבט אונז די מעגליכקייט דערצו, ווייל מיר זענען זיינע קינדער, דו ביסט זיין זוהן, דו ביסט זיין טאכטער, דערפאר קענסטו זאגן 'דו', אויבערשטער'.

**און** אז מען וועט אריינטראכטן אין דעם ווען מען וועט זאגן 'דו', אויבערשטער', וועט מען קענען צוקומען צו 'אמונה חושית'. עס איז דא נאך וועגן אנצוקומען דערצו, אבער תפילה איז איינס פון די בעסטע וועגן, אויב מען טוט דאס ריכטיג.

**שאלות און תשובות**
מיט
ר' אביגדור מיללער זצ"ל


כל הזכיות שמורות